## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# זומער 1939

עס איז זומער 1939, שוין נאָכן איינגלידערן עסטרייך אין דייטשישן רייך און נאָך דער טראַגעדיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איצט איז געקומען די ריי אויפן פּוילישן בּוזעמפריינד. היטלער פאָדערט דאַנציק און דעם דאַנציקער קאָרידאָר. יש אומרים, אַז ער וועט פאָדערן מער. דער פּויליש־דייטשישער פלירט האָט זיך פּלוצעם געענדיקט — און נישט צוליב פּוילנס שולד. מיט אַ מאָל ווערט די לופט געדיכט, די שטימונג געשפּאַנט, די צוקונפט נישט זיכער. מען הויבּט אָן רעדן וועגן מלחמה.

די מאַכט באַמיט זיך צו בּאַרויִקן די געמיטער. אין רעסטאָראַן פון סיים לאַנסירן הויכע רעגירונגס־בּאַאַמטע „ידיעות פון זיכערע קוועלן": די דייטשישע טאַנקען, וואָס זענען אויס אַזוי אימפּאָזאַנט אויף די פּאַראַדן און פאָטאָגראַפיעס, זיינען גאָר געמאַכט פון בּלעך; די דייטשישע מיליטערישע פּילאָטן זיינען 17 און 18 יאָר אַלט, נישט גענוג טרעניִרט, נישט דערוואַקסן צו פאַרמעסטן זיך מיט דעם אויסגעצייכנטן פּוילישן מיליטערישן לופטפלאָט. די זעלבע באַאַמטע וויסן צו דערציילן, אַז עקאָנאָמיש שטייט נאַצי־דייטשלאַנד פאַר אַ קאַטאַסטראָפע, עס פעלן רוישטאָפן, מען לעבט אויף ערזאַצן, עס איז נישטאָ גענוג צו עסן. זיי פאַרזיכערן, אַז היטלער וויל גאָרנישט קיין מלחמה מיט פּוילן, ווייל ער ווייסט, אַז פּוילן איז מיליטעריש גוט צוגעגרייט, „וועט נישט אָפּגעבּן קיין קנעפּל פון מאַנטל" ווי מאַרשאַל שמיגלי־רידז האָט אַזוי שטאָלץ דערקלערט אין זיין רעדע, אין וועלכער ער האָט געלאָזט וויסן, אַז די פּוילישע מלוכה איז „שטאַרק, אַנטשלאָסן און גרייט" אָפּצושלאָגן דעם שונא. און פון דעסטוועגן איז דאָס לאַנד נישט רויִק. דער עולם פיבּערט, נישט געקוקט אויף די אַלע „לאָגישע" פאַרזיכערונגען.

אין אַנדערע הינזיכטן איז אַלץ „נאָרמאַל". „היינט" איז מער ווי ווען עס איז ביז איצט פול מיט אַלאַרמירנדיקע נייעס און אַרטיקלען וועגן דער לאַגע פון די יידן. די כוואַליע פּאָגראָמען און אומרוען, דער עקאָנאָמישער בּאָיקאָט און די אַקציע אַרויסצוטרייבּן די יידן פון ווירטשאַפטלעכן לעבּן, די גירוש־לאָזונגען הערן נישט אויף; סטודענטן אין פּאַטריאָטישע ווייס־אַמאַראַנטענע קאָרפּאָראַציע־היטעלעך הוליען. מיט גראָבּע שטעקנס, אויף וועלכע זיי האָבּן אַרויפגעזעצט ראַזיר־מעסערלעך, שלאָגן זיי מכּות־רצח יידישע מענער און פרויען, אַלט און יונג. מחנות אולטראַ־רעאַקציאָנערן „נאַראַ"־און „פאַלאַנגאַ"־פאַשיסטישע כוליגאַנעס, כּלערליי אונטערוועלט־יונגען און גלאַט פינצטערע טיפּן און אָפּענע

נאַצי־אַגענטן באַפֿאַלן די ײדן צוזאַמען מיט די סטודענטן.

מיט צוואַנציק יאָר פֿריִער, אין דער צײַט פֿון דער מלחמה מיט די באָלשע־וויקעס, איז געװען אַ מאָדע צו שנײַדן בערד און אַרױסװאַרפֿן ײדישע פּאַסאַ־זשירן פֿון די צוגן (זע קאַפּיטל 4). איצט, װען פּױלן שטײט פּנים־אל־פּנים פֿאַר אַ מלחמה מיט דײַטשלאַנד, איז אױפֿגעקומען דאָס געיעג נאָך ײדישע מאַמעס און קינדער אין די שטאָטישע גאַרטנס. די כוליגאַנעס קערן איבער די שפּאַציר־װעגעלעך מיט פּיצלעך קינדער, יאָגן די מאַמעס, טרײַבן זײ מיט געװאַלט אַרױס פֿון די גערטנער. פֿרױען ספּאַזמירן, קינדער װײנען און די אָנפֿאַלערס קװעלן אָן, האָבן הנאה, מאַכן חוזק, קװיטשען: „פּרעטש ז׳ זשידאַמי", „זשידזשי דאָ פּאַלעס־טיני" („נידער מיט די ײדן", „ײדן קײן פּאַלעסטינע").

אָן אָנשיקעניש זײַנען די פּראָצעסן פֿאַר „באַלײדיקן דאָס פּױלישע פֿאָלק". עס איז גענוג, אַז צװײ טרעגערס, אַ ײד און אַ קריסט, זאָלן זיך צעקריגן און רופֿן אײנעם דעם צװײטן „חזיר", אָדער „גנבֿ" און דער פּױלישער טרעגער גײט אין דער פּאָליצײ און מסרט, אַז דער „זשיד" האָט אים כּלומרשט אָנגערופֿן „פּױלישער חזיר", אָדער „פּױלישער גנבֿ". דערפֿאַר װערט דער ײד פֿאַרמשפּט אױף שװערע תּפֿיסה „פֿאַר באַלײדיקן דאָס פּױלישע פֿאָלק". ײדן װערן געפּלאָגט און געיאָגט, מען לאָזט נישט כאַפּן דעם אָטעם. ײדן זײַנען נאָך נישט געװען אַזױ הפֿקר, אָבער קײנער נישט, קײן אײן פּױלישע פּאַרטײ, אָדער צײַטונג, מיט גאָר קלײנע אױסנאַמען, האָט נישט אַרױסגעװיזן קײן מוט אַרױסצוטרעטן קעגן דער אַנאַרכיע. פֿאַרקערט — מען איז מסכּים מיט דער מאַסיװער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע — װער אָפֿן, מיט פֿרײד, און װער אין דער שטיל, באַהאַלטן, אָבער נישט מיט װײניקער הנאה.

גלײַכצײַטיק גײט אָן די אַקציע אױסצװאָרצלען ײדן פֿון עקאָנאָמישן לעבן. די יאָרידן אין די קלײנע שטעטלעך װערן איבערגעטראָגן אױף שבת, די ײדן זאָלן נישט קענען האַנדלען; פּיקעטן פֿאַרשטעלן דעם װעג צו די ײדישע קראָמען און לאָזן פֿיזיש נישט אַרײַן קײן קריסטן; ײדישע הענדלערס װערן געטריבן פֿון די מאַרקפּלעצער און זײערע „סטראַגאַנעס", די טישלעך מיט דעם ביסל סחורה, װערן פֿאַרכאַפּט דורך פּױלישע „קופּצעס" (סוחרים), צום גרעסטן טײל, נידעריקע באַאַמטע, באַן־אַרבעטערס, ברױטרעגערס, גאַסן־קערערס און זײערע װײַבער. די ײדן־העצערס האָבן זײ אײַנגעשמועסט, אַז ײדן װערן רײַך פֿון די „סטראַ־גאַנעס", װילן זײ אױך רײַך װערן איבער נאַכט.

אין קאַפּיטל 6 האָבן מיר דערמאָנט, װי שװער די ערבֿ־מלחמה יאָרן זײַנען געװען פֿאַרן „הײַנט". די צײַטונג האָט זיך נישט אונטערגעװאָרפֿן די אָנזאָגן פֿון דער רעגירונג װי אַזױ צו שרײַבן (אײגנטלעך נישט צו שרײַבן) װעגן די רדיפֿות אױף ײדן און קאָנפֿיסקאַציעס האָבן זיך געשאָטן אָן אױפֿהער, עטלעכע מאָל אַ װאָך און אַפֿילו עטלעכע מאָל אַ טאָג. װי געזאָגט איז אין יענער תּקופֿה „הײַנט" צװײ מאָל פֿאַרמאַכט געװאָרן.

און דערוויל פאָדערט דאָס לעבן דאָס זייניקע. עס איז זומערלעב. מענטשן גאַרן נאָך אַ ביסל פרישע לופט, ווילן פאַרגעסן דעם קאָשמאַר פון אַ לעבן אין דער טאָפּלטער קלעם פון רדיפות און מלחמה־שרעק. צו חיים פינקעלשטיינען, וואָס האָט מיט זיין משפחה פאַרבראַכט די וואַקאַציע אין דעם אַלטן יידישן קוזמיר (דאָס שטעטל קאַזשימיעזש באָד וויסלאַן), קומט צו גאַסט פון וואַרשע זיין גוטער פריינד רפאל שאַפאַר, דער דירעקטאָר פון צענטראַלן פאַלעסטינע־אַמט אין פוילן. ער דערציילט וועגן דער אימהדיקער שטימונג אין דער הויפּטשטאָט, וועגן דער אומזיכערקייט און פחד, וואָס הערשט אין דער יידישער געזעלשאַפט. פערזענלעך האָט ער עגמת־נפש פון זיין שוואָגער בן־ציון כילינאָוויטש, אַ מיטאַרבעטער פון „מאָמענט". צוליב די רעוויזיאָניסטן איז דאָרט די לאַגע געוואָרן אַזוי אָנגעשטרענגט (זע קאַפּיטל 20), אַז כילינאָוויטש האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די צייטונג און שאַפאַר פרעגט, צי וועט זיך געפינען פאַר אים אַן אָרט אין „היינט". אין פאַרלויף פון שמועס האָט זיך פינקעלשטיין פאַרטרויט, אַז די פאַרוואַלטונג פון „אַלט־ניי" איז באַזאָרגט, אַז עס קענען קיגסטלעך געשאַפן ווערן אומשטאַנדן, וואָס וועלן פירן דערצו, אַז אין „היינט" זאָל געשען דאָס זעלבע, וואָס אין „מאָמענט". די באַלעבאַטים פון „היינט" זיינען שולדיק חובות וואָס זיי צאָלן אָפּ אין חודשלעכע ראַטעס. אָבער טאָמער וועט די מאַכט וועלן אַרויפלייגן אַ האַנט אויפן „היינט", קען זי אונטערשטעלן מענטשן אָפּצו־קויפן די חובות און זיי וועלן דערנאָך פאָדערן, אַז אַלע חובות זאָלן ווערן באַצאָלט מיט אַ מאָל, אין איין טערמין. דאָס וועט נאַטירלעך זיין נישט מעגלעך און דעמאָלט וועט אַריינגעזעצט ווערן אַן אויפזעער כלומרשט צו היטן די אינ־טערעסן פון די אונטערגעשטעלטע מלווים. דער ביישפּיל פון „מאָמענט" האָט באַוויזן, אַז עס איז גאַרנישט אַזוי שווער דורכצופירן אַזאַ טריק און די געשעע־נישן דאָרט האָבן געלערנט צו וואָס פאַראַ טרויעריקע רעזולטאַטן דאָס פירט.

שאַפאַר איז מסכים געווען, אַז די זאָרג פון „אַלט־ניי" איז באַגרינדעט. טראַכטנדיק אויפן קול האָט ער געזאָגט, אַז מען דאַרף די ציוניסטישע וועלט־עקזעקוטיווע אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער סכנה. טאָמער פאַלט „היינט" אַריין אין פיינטלעכע הענט, וועט דאָס זיין אַ פאַרלוסט נישט נאָר פאַר די יידן אין פוילן, נאָר אַ קלאַפּ פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. שאַפאַר איז געווען זיכער, אַז די עקזעקוטיווע וועט זיך נישט אָפּזאָגן צו העלפן. זיין עצה איז געווען, אַז חיים פינקעלשטיין זאָל אין אויגוסט פאָרן קיין זשענעווע צום 21סטן ציוניסטישן קאָנגרעס און אויפקלערן די לאַגע פון „היינט".

דעם 21סטן אויגוסט 1939 איז חיים פינקעלשטיין געפאָרן קיין זשענעווע אין שליחות פון „היינט". יצחק גרינבוים האָט געהאָלפן פירן די געשפרעכן און פינקעלשטיין האָט באַקומען אַ פאָרמעלן צוזאָג אויף אַן הלוואה פון אליעזר קאַפּלאַן, דעם פינאַנץ־לייטער פון דער עקזעקוטיווע. דער „קרן היסוד" האָט געהאַט אין פוילן באַדייטנדיקע סומעס געלט, וואָס די רעגירונג האָט נישט

דערלויבט אַרויסצופֿירן און עס איז געוואָרן אָפּגערעדט, אַז „הײנט" וועט באַקומען אַ הלוואה פֿון די געפּרוּווירענע פֿאָנדן כּדי אָפּצוצאַלן די געשעפֿט פֿון די חובות. פּרטים האָבן געזאָלט באַהאַנדלט ווערן אין וואַרשע, ווּהין קאַפּלאַן האָט געדאַרפֿט קומען באַלד נאָכן קאָנגרעס, „אויב עס וועט נישט זײַן קײן מלחמה".